געהערט ווערן אין דיר; און קיין קינסטלער פון
קיין שום קונסט וועט אין דיר מער נישט געפונען
ווערן; און דאָס גערויש פון אַ מיל וועט מער נישט
23 געהערט ווערן אין דיר; און דאָס ליכט פון אַ לייכטער
וועט מער נישט שייַנען אין דיר; און דאָס קול פון
אַ חתן און אַ כלה וועט מער נישט געהערט ווערן
אין דיר; מחמת דייַנע קויפלייט זענען געווען די
פירשטן פון דער ערד; ווייל דורך דייַן כישוף
24 זענען פאַרפירט געוואָרן אַלע פעלקער. און אין
איר איז געפונען געוואָרן דאָס בלוט פון די נביאים
און קדושים, און פון אַלע הרוגים אויף דער ערד.

## קאַפּיטל נייַנצן

1 נאָך דעם האָב איך געהערט ווי אַ הויך קול פון
אַ גרויסן המון מענטשן אין הימל זאָגן: הללויה!
די ישועה און דער כבוד און די מאַכט געהערן צו
2 אונזער ג-ט; ווייל וואָרהאַפטיק און גערעכט זענען
זייַנע משפּטים; ווען ער האָט געמשפּט די גרויסע
זונה, וואָס האָט פאַרדאָרבן די ערד מיט איר
זנות, און זיך נוקם געווען פאַר דעם בלוט פון
3 זייַנע קנעכט אויס איר האַנט. און אַ צווייטמאָל
האָבן די געזאָגט: הללויה! און דער רויך איר
4 שטייגט אַרויף לעלמי עולמים! און די פיר און
צוואַנציק זקנים זענען אַנידערגעפאַלן און די פיר
חיות האָבן זיך געבוקט צו ג-ט, וועלכער זיצט
אויף דעם כסא הכבוד, און האָבן געזאָגט: אמן!
5 הללויה! און עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ קול פון דעם
כסא-הכבוד, אַזוי צו זאָגן: לויבט אונזער ג-ט, אַלע
זייַנע קנעכט, איר, וועלכע האָבן מורא פאַר אים,
6 די קליינע און די גרויסע. און איך האָב געהערט,